# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **בטחון**

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף **דער השגחה פרטית האטליין**

פרשת כי תצא תשפ"ו ✕ **עלון 204**


## בהשגחה

## די אמת'ע רחמנות פון יוסעל'ס טאטע

א טייערער איד האט אמאל מיר דערציילט א געדאנק וואס איז אים איינגעפאלן:

מיין טייערע יונגל, יוסל'ע, האט געליטן פון שרעקליכע ציין-ווייטאג און ער האט געוויינט פאר צער. האב איך אים געזאגט: ""אסל'ע, קום לאמיר גיין צום דענטיסט".

ער האט זיך בשום אופן נישט געלאזט. איך האב פרובירט אים צו איבעררעדן, אים צו בארואיגן, און אים געבן א געפיל פון זיכערקייט, אבער אלע מיינע רייד זענען געפאלן אויף טויבע אויערן. ער האט געציטערט פונעם דאקטער.

יאסל האט גענומען א פעינקילער (משכך כאבים) און איז געגאנגען שלאפן.

איך האב רחמנות געהאט אויף מיין טייער קינד. איך האב רחמנות געהאט אויף די ווייטאג וואס ער ליידט, און אויך אויף זיין גרויסע פחד צו גיין צום דאקטער.

האב איך געטראכט צו מיר: איז דאס טאקע רחמנות? אויב איך וועל מסכים זיין ער זאל נישט גיין צום דאקטער - איז דאס נישט קיין רחמנות, נאר פונקט פארקערט, דאס איז אכזריות אויף אים! ער איז דאך א קליין קינד און ער פארשטייט נישט די נאכפאלגן, אבער איך ווייס דאך אז יעצט איז עס נאר א פשוט'ע פילינג. אויב מיר וועלן עס נישט יעצט באהאנדלען, וועט דער מצב ווערן פיל ערגער, און צום סוף וועט ער דארפן מאכן א רוט-קאנאל (שורש), אדער אפשר גאר ארויסציען די ציין. דאס וועט שוין זיין פיל שווערער און פיל מער ווייטאגליך פאר יאסל'ן אין יעדן הינזיכט.

איך האב גלייך גערופן דעם דענטיסט און געמאכט אן אפוינטמענט.

איך האב מיטגענומען יאסל'ן און אים פרעגן צי ער וויל אדער נישט. איך האב געוויסט אז איך טו דאס בלויז אלס אמת'ע רחמנות און גרויס ליבשאפט צו אים. ריכטיג, ער איז יעצט קליין און ער פארשטייט נישט פארוואס מיר צווינגען אים צו טוהן עפעס וואס ער וויל נישט, אבער ווען ער וועט עלטער ווערן און איך וועל אים דערציילן די מעשה, וועט ער מיר זיכער דאנקען אז איך האב נישט נאכגעגעבן.

דעמאלטס האט האב איך עס געכאפט.

צומאל ווייִן איך אויך אויף דעם וואס איך גיי אדורך. ס'איז מיר שווער, ס'איז מיר נישט באקוועם, און איך פארשטיי נישט פארוואס איך דארף דאס אלעס מיטמאכן.

אבער מיין טאטע אין הימל, וואס האט מיר ליב מער ווי אלעס אויף דער וועלט, זאגט מיר כביכול: מיין טייער קינד, ס'איז אמת אז יעצט ביסטו נאך קליין און דו פארשטייסט נישט פארוואס איך האב דיך געצוואונגען אדורך צו גיין עפעס וואס דו האסט נישט געוואלט און ס'איז דיר נישט געווען באקוועם, אבער ס'וועט קומען א טאג וואס דו וועסט אלעס פארשטיין און דו וועסט מיר דאנקען אויף אלעס.

**שבת שלום ומבורך, פינחס שאפער**

## השגחה עליונה

**סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע**

## קיינמאל נישט דאגה'ן

**שטייט זיך ר' ישראל ארטין, א דורכגעווייקטער חסידישער איד, אויפן רוישיגן גאס אין ווארשע. פלוצלינג ווערט ער ערשטוינט צו זען אן עלטערן גלעזער שלעפט א ריזיגע גלאזערנע שאנק. ער איז צוגעגאנגען צו אים, נייגעריג צו הערן דעם סוד פון זיין לעבן.**

דער חסיד ר' ישראל ארטין,

שפאצירט איבער די גאס ווען פלוצלינג כאפן זיינע אויגן אויף אן אויסערגעוויינליכע סצענע: אן אלטער איד, מיט א פארבויגענעם רוקן און פארקנייטשט פנים, זיצט און פארריכט גלאז און פארקויפט גלאזערנע-פראדוקטן. ער ארבעט מיט אזא ענערגיע, פארעכטנדיג א גלאזערנע שאנק מיט א פרישקייט ממש ווי א יונגער בחור. זיינע הענט האבן זיך באוואויגן מיט אן אומגלויבליכע שנעלקייט; ער האט זיך געבויגן, אויפגעשטאנען און זיך צוריק געזעצט מיט א לייכטקייט וואס איז נישט צום גלייבן.

עטליכע מינוט זענען פארביי, און ר' ישראל ווערט נאך מער געבליבן ערשטוינט: דער אלטער איד לייגט די גרויסע שווערע שאנק אויף זיין איינגעבויגנעם רוקן, און ער לאזט זיך ארויס אין גאס אין ריכטונג פון דעם קאסטומער'ס הויז.

ר' ישראל ארטין איז צוגעלאפן צו אים:

"אנטשולדיגט, איך וויל אייך העלפן שלעפן!"

דער אלטער האט אים אנגעקוקט מיט זיינע טיפע, קלוגע אויגן, און געזאגט מיט א ברייט שמייכל:

"דו דארפסט זיך נישט זארגן אויף מיר. איך בין שוין איבער ניינציג יאר אלט, און מיינע כוחות זענען נאך ברוך השם מיט מיר!"

זעהענדיג די גרויסע וואונדער אין ר' ישראל'ס אויגן, האט ער פארזיכטיג אראפגעלייגט די שאנק, און געזאגט:

"לאמיר דיר דערציילן מיין לעבנס-געשיכטע, און דעמאלט וועסטו אלעס פארשטיין!"

מיט פילע יארן צוריק, האב איך געארבעט אלס א בעל עגלה. איך פלעג פירן מענטשן פון שטאט צו שטאט.

איין מאל האט מיר דער אייבערשטער מזכה געווען, און איך האב געפירט אין מיין וואגן דעם הייליגן רבי'ן, רבי שמחה בונים פון פשיסחא, מיט זיינע תלמידים.

דער רבי מיט זיין חבריא זענען ארויסגעפארן אויף א קורצע רייזע צו שעפן פרישע לופט. ווען מיר זענען אנגעקומען, האב איך געמאלדן פאר די חסידים אז איך וויל זיי נישט צוריקפירן, און זיי וועלן מוזן זוכן א צווייטן פארן וועג אהיים.

די חסידים האבן אנגעהויבן זיך איינבעטן ביי מיר אז איך זאל יא מסכים זיין צו בלייבן מיט זיי, טענה'נדיג אז עס וועט זיין שווער צו געפינען א צווייטן אינמיטן וועג. זיי האבן מיר אפילו אנגעבאטן אסאך מער געלט - אבער איך האב

<<<


דער גליון איז אויסצוגן פון 'קו השגחה פרטית' - טויזנטער מעשיות, פול מיט חיזוק.

ווילט איר האבן שלוות החיים? **רופט אריין צו קו השגחה פרטית 1-518-613-0140**

## בלויז פארדינט

**ר' הערשל שטערן פון בני ברק דערציילט:**

איך האב א חבר וואס טוט פארשידענע ארבעט פאר פרנסה, אבער ער פארפעלט קיינמאל נישט פון לערנען אין די פארמיטאג שעות. דורכאויס די שעות צווישן אכט און האלב נאך צען אינדערפרי, לערנט ער מיט א מורא'דיגע התמדה און קביעות.

איין מאל האב איך אים געפרעגט: "האט נאך קיינמאל נישט פאסירט אז מ'זאל דיך דארפן פאר דיין ארבעט אינדערפרי? דו האסט דאך געשעפטן מיט אלע סארט מענטשן. קיינער טראכט נישט דיך צו שטערן אינמיטן דיינע לערן-שעות?"

ער האט זיך צעלאכט: "זיי טראכטן טאקע יא, אבער מיין טעלעפאן איז אויסגעלאשן, קענען זייערע מחשבות מיך נישט שטערן... נאך מער, לאמיר דיר דערציילן מיין מעשה."

און דאס איז וואס ער האט מיר דערציילט:

די שטאטראט וואו איך וואוין, האט ארויסגעשטעלט עטליכע שטחים צום פארקויפן. איך האב אריינגעגעבן א ביד (הצעת מחיר) צו קויפן די שטחים, און איך האב באקומען א מעלדונג אז אין א געוויסן טאג וועט א ספעציעלע קאמיטע זיצן איבער די פארקויפונגען, און איך מוז זיך פערזענליך באטייליגען. זיי האבן פארשטייט זיך נישט געקענט גאראנטירן אז איך וועל טאקע באקומען דעם שטח וואס איך וויל, אבער איין זאך איז געווען קלאר: אויב איך בין נישט דארט ביי די זיצונג, האב איך נישט קיין אויסזיכט. צענדליגער מענטשן האבן געוואלט קויפן, און נאר די וואס זענען אנוועזנד ביי די זיצונג זענען גענומען געווארן אין באטראכט.

איך האב פארשטאנען אז מיין השתדלות איז צו גיין צו די קאמיטע, און דער באשעפער וועט שוין העלפן אזוי ווי איך זאל ערריכן דעם ציל - צו קויפן א גוטן שטח פאר א גוטן פרייז.

ווען עס איז געקומען נענטער צום טאג פון די זיצונג, האב איך באקומען די פרטים: די זיצונג וועט זיין אין א געוויסן בנין וואס געפינט זיך א שעה צו פארן פון מיין הויז, צווישן צען און צוועלף אזייגער אינדערפרי.

דא בין איך געווארן איינגאנצן צומישט. עס איז געווען א שטארקע סברא אז זיי וועלן אנהייבן פונקטליך צען אזייגער, און פונקט דעמאלט דארף איך זיצן און לערנען. ביי מיר זענען די שעות צווישן אכט און האלב נאך צען; דאס איז מיין אקסידזשען פונעם טאג, דאס איז מיין גאנצע לעבן. איך קען דאס בשום אופן נישט אויפגעבן.

פון די אנדערע זייט האט דער יצר הרע אנגעהויבן דרש'נען אז "ביטולה של תורה זהו קיומה", און "אם אין קמח אין תורה", דא קומט אונטער א געלעגנהייט פאר א גוטע געשעפט, וואס וועט מיר שפעטער ערלויבן צו לערנען מיט א רואיגקייט...

איך האב אבער ביי מיר באשלאסן: פונקט ווי איך לעש אויס מיין טעלעפאן צווישן אכט און האלב נאך צען, אזוי אויך פארמאך איך מיינע אויערן פון די אלע רייד פונעם יצר הרע. איך וועל טון מיין השתדלות, איך וועל ארויסגיין פון בית המדרש האלב נאך צען, איך וועל אנקומען צו די אסיפה עלף-דרייסיג - און וואס עס וועט זיין, וועט זיין. מיין קביעות אין לערנען איז מיין טייערסטער פראפערטי.

און אזוי איז טאקע געווען: איך האב געלערנט ווי שטענדיג, און האלב נאך צען בין איך ארויסגעפארן. איך בין אנגעקומען עלף-דרייסיג, און פונקט ווען איך האב זיך אראפגעזעצט אויף מיין פלאץ, האט מען אויסגערופן מיין נאמען.

"ער איז דא?" האט דער טשערמאן געפרעגט.

"יא," האב איך גלייך געענטפערט.

פון די דרייסיג שטחים וואס זענען געווען צו פארקויפן, זענען די לעצטע פינף געבליבן פאר מיר. איך האב אויסגעקליבן איינס וואס האט מיר אויסגעזען דאס בעסטע. איך האב נישט געוואוסט עפעס וואס אנדערע האבן נישט געוויסט; אבער די מציאות איז געווען אז דער אייבערשטער האט מיר אריינגעגעבן אין קאפ אויסצוקלייבן פונקט יענע שטח, וואס האט זיך שפעטער ארויסגעשטעלט צו האבן די גרעסטע פאטענציאל פון אלע אנדערע.

"אויב דו פרעגסט וועגן נסיונות," ענדיגט מיין חבר זיין מעשה, "זענען זיכער דא נסיונות, אבער ביי די דאזיגע געשיכטע האט מיר דער באשעפער געוויזן אז איך פארליר גארנישט פון מיינע טייערע שעות תורה. דאס האט מיר געגעבן א געוואלדיגע חיזוק אנצוהאלטן מיין קביעות ווייטער."

## <<< המשך השגחה עליונה

זיי קאטעגאריש אפגעזאגט.

די גאנצע צייט איז דער הייליגער רבי' געזעסן אונטן אינעם וואגן בדביקות. פלוצלינג האט ער אויפגעהויבן זיין קול און געפרעגט:

'וואס וויל דער רויטער יונגערמאן?'

איך בין געבליבן פארפרוירן אויף מיין ארט. ווייל אין יענע טעג האט דער רבי' שוין געהאט שוואכע אויגן, און דא האבן אלע געזען אז דער רבי' זעט קלאר, זיינע אויגן זעהען אומנאטורליך.

'הייליגער רבי', האב איך געבעטן, 'איך וויל באקומען א ברכה, און דעמאלט וועל איך מסכים זיין צו פארן ווייטער וויפיל איר וועט בעטן... איך בעט אז דער רבי' זאל מיר בענטשן אז איך זאל זוכה זיין חתונה צו מאכן אלע מיינע קינדער בהרחבה, און אז איך זאל שטענדיג האבן געלט אין טאש...'

'יונגערמאן!' האט מיר דער רבי' געזאגט 'געדענק וואס איך זאג דיר יעצט: קיינמאל נישט דאגה'ן! האב שטענדיג בטחון אין באשעפער און זיי פרייליך און רואיג! ווייל ווער עס דאגה'ט - גיבט אים נישט דער באשעפער, נאר פאר דער וואס האט בטחון אין אים. שטיי ווייט פון דאגות!'

דער אלטער האט אויסגעפירט: "יעצט פארשטייסטו שוין?... איך האב אנגענומען די הדרכה, און געגאנגען אזוי מיין גאנץ לעבן. איך האב מיך שטענדיג פארלאזט אויפן באשעפער און געדענקט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס פירט מיך יעדע רגע. און ברוך השם, איך האב חתונה געמאכט אלע מיינע קינדער מיט גרויס עשירות, שטענדיג געווען געזונט און שטארק, און עס האט קיינמאל נישט געפעלט קיין פרוטה אין טאש!"

"אויך דו, טייערער איד, געדענק: קיינמאל נישט דאגה'ן, נאר האבן בטחון אין אונזער באשעפער!"

## א לאגישער טויש

**ר' א.ש. פון בני ברק דערציילט:**

מיין אשת חיל געבט זיך אפ מיט מחנך זיין אידישע קינדער אין א קינדערגארטן. זי ארבעט אלס א סובסטיטוט (שטעל-פארטרעטער) אין א גרויסע נעץ פון קינדערגארטנס וואס פארמאגט צענדליגער קלאסן איבער די גאנצע שטאט. יעדעס מאל ווען מ'דארף א סובסטיטוט אין דעם געגנט וואו זי ארבעט, רופט מען איר.

די פראבלעם איז נאר געווען אז יענע געגנט איז גאנץ ווייט פון אונזער הויז, און יעדעס מאל האט זי געדארפט פארן פופצן מינוט צום קינדערגארטן. דאס זענען זייער קריטישע פופצן מינוט, ווייל עס איז פונקט אין די שעות ווען מ'דארף ארויסשיקן די קינדער אין חדר און אין שולע.

מיט די צייט איז עס געווארן אלס שווערער און שווערער. מיין ווייב האט עטליכע מאל פרובירט צו בעטן פון די הנהלה איר אריבערצופירן ערגעץ נענטער צום הויז, אבער די אנטווארט איז שטענדיג געווען: "עס זענען נישטא קיין ליידיגע סלאטס אין דיין געגנט."

לעצטנס האב איך געשפירט א שטארקע התעוררות דורכצולערנען דעם ספר "שער הבטחון" מיט א חברותא. יעדעס מאל האב איך געשפירט ווי מיין אמונה ווערט שטערקער און שטערקער. מיר האבן געהאלטן ביי די צען מעלות וואס א בעל בטחון האט איבער אן אלכעמיסט - דאס איז א מענטש וואס קען מאכן גאלד פון פשוט'ע מאטעריאלן און פארדינען אוצרות מיט געלט. איין נקודה האט מיר שטארק געכאפט: דער אלכעמיסט מוז ארומפארן ווייט צו זוכן די מאטעריאלן פאר זיין פאך, אבער דער בעל בטחון פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן אז ער וועט אים שיקן די פרנסה נאנט צום הויז, אן דעם וואס ער זאל דארפן וואנדערן אויף די וועגן.

ווען מיר האבן דאס געלערנט, בין איך אהיים, און איך האב געזאגט פאר מיין ווייב: "גענוג. דו פארסט מער נישט צו די ווייטע קינדערגארטנס. רוף אן די אפיס און זאג זיי אז דו ביסט נאר גרייט צו ארבעטן נאנט צום הויז."

זי האט טאקע אנגערופן און געזאגט מיט א זיכערקייט אז זי קען מער נישט פארן די לאנגע וועגן אינדערפרי.

א פאר שעות שפעטער רופט מען איר צוריק פונעם אפיס און מ'זאגט איר: "עס איז דא אן אנדערע לערערין וואס ארבעט ממש נעבן דיין הויז, אבער זי וואוינט פונקט אין יענעם געגנט וואו דו פלעגסט ארבעטן ביז יעצט. זי האט אויך געבעטן א טויש. וועט זי גיין צו דיין אלטע פלאץ, און דו וועסט גיין צו א קינדערגארטן ממש נעבן דיין הויז."

עס איז געווען א שמחה עצומה, ממש א ישועה.

און ווער מיינט איר איז געווען די אנדערע לערערין וואס האט געוואלט ארבעטן נעבן איר הויז?

די ווייב פון מיין חברותא, וואס האט אויך יענעם טאג געלערנט מיט מיר אז מ'דארף האבן בטחון אז דער אייבערשטער וועט שיקן פרנסה פאר די ווייב אן דעם וואס זי זאל דארפן פארן ווייט...



## הרה"ח ר' יהודה מאנדל שליט"א

## צווישן די געבענטשטע

איך האב געהאט די זכיה צו קענען א איד וואס האט חתונה געמאכט זיינע קינדער גאר גרינג. יעדע שידוך איז געקומען מיט א ספעציעלע ברכה. אלע זיינע קינדער האבן געפונען פאסיגע און וואונדערבארע זיווגים.

ביי איין געלעגנהייט האט ער מיר פארגעשלאגן: "פרוביר צו לערנען מוסר. טונק דיך אריין פאר פיר שעה נאכאנאנד אין די ליבשאפט און זארג פונעם באשעפער, אין זיין כל-יכול'דיגע גרעניצלאזע יכולת, און אז 'אין עוד מלבדו'. נעם דיר עס אריין אין דיין הארץ אז עס איז גארנישט דא אויסער אים, ביז דו וועסט דיך באמת דערהויבן און זיך פארלאזן אויפן באשעפער. ווען דו וועסט אנקומען צו יענע מדריגה, וועסטו קענען אויסקלייבן וועלכע שידוך דו ווילסט: א ספעציעלע בחור, א מתמיד, א בעל מדות, א ירא שמים. דו וועסט אויך קענען באקומען אלעס וואס דו דארפסט, בתנאי אז דו האסט געלערנט גענוג מוסר אויף א ריכטיגן אופן (און מ'דארף וויסן וויאזוי), און דו גלייבסט באמת אז דער הייליגער באשעפער וועט דיר נאכגעבן דיין בקשה!" - אזוי האט יענער איד דער בעל בטחון מיר פארגעשלאגן.

פון די אנדערע זייט, אמאל איז דא א צווייטע וועג, און דעמאלטס איז אונזער תפקיד מקבל צו זיין דעם מצב פונקט וויאזוי עס איז.

א צווייטער איד האט מיר דערציילט אז זיי האבן זייער שטארק געוואלט זיך משדך זיין מיט א געוויסע משפחה. דער פארגעשלאגענער בחור איז געווען א גאר חשוב'ער און אויף א הויכע רוחניות'דיגע שטאפל, אבער די טאכטער האט בשום אופן נישט געוואלט הערן פונעם פלאן און האט נישט מסכים געווען זיך צו טרעפן מיט אים.

צום סוף האט זיין טאכטער חתונה געהאט מיט א בחור וואס איז געווען אויף א שוואכערע מדריגה ווי איר. ס'איז נישט געווען גרינג, אבער דער טאטע האט מיר געזאגט אז זיין געפיל איז אז דאס איז טאקע דער שידוך וואס איז געווען באשערט פאר איר. ער האט זיך געבויגן און מקבל געווען דעם רצון ה' מיט שמחה און תמימות, און אמת'ע אמונה אז דאס איז דער זיווג וואס מ'האט פון הימל באשטימט.

נאך עטליכע יאר האט זיך דער איידעם אזוי דערהויבן און אויסגעשטיגן אין לערנען און עבודת השם, אז היינט צו טאגס איז ער דער שטאלץ פון די גאנצע משפחה!

יענער איד האט צוגעגליכן דעם לימוד המוסר איבער בטחון צו מוזיק: אמאל דריקט מען דא, און אמאל דארט. אמאל דארף מען האבן בטחון און דורך דעם באקומען וואס מ'וויל, און אמאל דארף מען פשוט מקבל זיין דעם מצב וויאזוי עס איז.

מקבל זיין דעם מצב מיט אמונה האט א געוואלדיגע כח אין הימל! און דאס קען ברענגען גרויסע ישועות.

## תשובה אין געריכט

**ר׳ דוד פון בית שמש דערציילט:**

מיט עטליכע יאר צוריק, ווען איך בין געווען א יונגערמאן, האב איך געפינען אין פאסט-קעסטל א דיקע ענוועלאופ מיט א זיגל פון געריכט. איך האב עס געעפנט, און מיר איז שווארץ געווארן פאר די אויגן. א קאר-רענטל פירמע האט מיר אנגעקלאגט פאר׳ן דרייוון א רענטל-קאר און מאכן אן עקסידענט וואס האט חרוב געמאכט דעם קאר.

אין דעם בריוו האבן זיי געטענה׳ט אז דער שאדן איז געווען גאר גרויס, און דעריבער בין איך זיי שולדיג הונדערטער טויזנטער שקלים.

איך האב פרובירט זיך דערמאנען וואס פונקטליך איז געשען. איך האב איינגעזען אז איך האב טאקע נישט געהאנדלט ריכטיג דעמאלטס, און עס איז טאקע געשען א שאדן, אבער פון דארט ביז צו הונדערטער טויזנטער - א סכום מיט וואס מ׳קען קויפן א נייע קאר איז א ווייטער וועג...

איך האב גענומען א גוטן לויער זאל מיר פארטרעטן. איך האב אויסגערעכנט אז אפילו אויב איך וועל אים דארפן צאלן א שיינע מטבע, וועט עס כאטש זיין צענדליגער טויזנטער און נישט הונדערטער, כאטש דאס איז אויך געווען פיל מער ווי מיין פארמעגן.

אבער איין זאך האב איך פארשטאנען פון אנהייב: דאס איז נישט ׳זיי׳. די גאנצע פלאנטער איז א גזירה מן השמים. די עכטע פראגע איז נישט קעגן די תובעים אדער קעגן דעם געריכט. איך מוז מעורר זיין רחמי שמים, תשובה טון און פארבעסערן מיינע וועגן.

איך האב זיך דערמאנט אז איך האב אמאל געליינט א מעשה וועגן א איד וואס האט געדארפט א גרויסע ישועה, און ער האט זיך אונטערגענומען צו שווייגן ביים דאווענען און ביי קריאת התורה, און ער איז געהאלפן געווארן. האב איך מקבל געווען אויף זיך די דאזיגע קבלה און איך האב זיך שטארק געהאלטן דערצו, בשעת מיין יונגער און ענערגישער לויער האט פרובירט צו טון זיין ארבעט אין געריכט.

עס איז מיר וויכטיג ארויסצוברענגען, אז לויט די הלכה איז אסור צו גיין אין ערכאות, נאר איך מיין פאל האט מען מיר געקלאגט, און איך האב זיך געמוזט פארטיידיגן. ביי יעדע טריט און שריט האב איך געפרעגט א שאלת חכם און געטון אלעס לויט די תורה.

למעשה, זענען דורכגעגאנגען עטליכע זיצונגען אין געריכט וואס האבן גארנישט געברענגט, און מיין לויער האט רעזיגנירט. מען האט מיר געפונען אן אנדערן לויער, אן עלטערער און ערפארענער, מיט א קאפ אויפן פלאץ. ער האט מיר געזאגט אז דאס ערשטע זאך מוז איך איבערצייגן דעם געריכט אז פון אינשורענס שטאנדפונקט האב איך געהאנדלט ריכטיג.

דא האב איך געמיינט אז איך האב געפונען א גוטע לעזונג. איך האב געדענקט אז די רענטל פירמע האט מיר געזאגט אז די קאר האט אינשורענס, וואס באמת איז דאס געווען א ליגנט: די קאר האט נישט געהאט קיין אינשורענס און איז נישט געווען אין א גוטן צושטאנד. דער לויער האט מיר געהייסן ברענגען עדות, און איך האב גלייך געוויסט וועמען צו רופן. עס זענען דאך געווען עטליכע מענטשן אין די פירמע וואס האבן געהאנדלט מיט מיר. אבער ווען איך האב זיי אנגערופן,

האבן זיי פארשטייט זיך נישט געוואלט קומען עדות זאגן.

איך האב שוין נישט געוויסט וואס צו ערווארטן. איך האב שוין מורא געהאט אז איך וועל נישט האבן קיין ברירה נאר צו באצאלן די ריזיגע סכום געלט וואס איך האב נישט און בלייבן א בעל חוב פארן גאנצן לעבן, אדער חלילה זיצן אין תפיסה. איך האב נישט געזען קיין שום האפענונג אויפן האריזאנט.

איך האב זיך מחזק געווען מיט צוויי זאכן: א מיין קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען און ביים ליינען, און מיין אמונה אז דער באשעפער איז מיט מיר. איך האב געוויסט אז עס איז נישט דער שופט אין געריכט וואס משפט מיר - נאר מיינע עבירות זענען די וואס משפט׳ן מיר. דער אמת׳ער שופט איז דער אייבערשטער, און ער טוט נאר גוטס פאר מיר.

צום סוף האט איינער פון די עדות יא מסכים געווען צו קומען מיט מיר אין געריכט.

נאכדעם וואס איך האב געמאלדן אז איך האב אן עדות, האט מען באשטימט א דאטום פאר א הירינג. נאכדעם איז עס אפגעשטופט געווארן, און מען האט באשטימט א נייע דאטום. נאכאמאל איז עס אפגעשטופט געווארן, און נאכאמאל א נייע דאטום. אזוי איז עס געגאנגען ווען יעדעס מאל קאסט עס מיר אסאך געלט. די לעגאלע קאסטן האבן שוין געהאלטן ביי פינף און זיבעציג טויזנט שקלים. ענדליך נאכן זיך שלעפן פאר צוויי יאר, האט מען מיר גערופן צו א הירינג, און דאס מאל איז עס געווען ערנסט.

איך האב זיך צוגעגרייט. איך האב אנגעגרייט א גאנצע רעדע מיט מיינע טענות צו איבערצייגן דעם שופט אז איך בין אן ערליכער מענטש, און די רענטל פירמע האט מיר אפגענארט אז די קאר האט אינשורענס. דאס איז געווען די השתדלות בדרך הטבע, אינאיינעם מיט די רוחניות׳דיגע השתדלות: תשובה, תפילה, און צדקה.

א גאנצע באנדע לויערס האבן פארטראטן די רענטל פירמע. פיר פיפיגע חברה, פול מיט זעלבסטזיכערקייט. פלוצלינג האבן זיי ארויסגעשלעפט א דאקומענט וואס האט געוויזן א טראפיק פארלעצונג וואס איך האב געטאן, עפעס וואס איך האב בכלל נישט געדענקט און נישט געווען צוגעגרייט דערויף. איך האב אויסגעשריגן: "וואס רעדט איר?! עס איז נישט אמת!" אבער דער דאקומענט איז געווען ריכטיג. איך האב דעמאלטס באקומען א טיקעט, און איך האב דערפון אינגאנצן פארגעסן.

עס איז געווען גאר שווער. איך האב פארגעסן אלעס וואס איך האב געוואלט זאגן, אלע מיינע טענות און מיין שיינע רעדע וואס איך האב זיך אנגעגרייט. איך האב זיך געשטארקט גליינבדיג אז אלעס איז לטובה, און ווען עס איז געקומען מיין רייע עדות צו זאגן, האב איך גערעדט פון הארץ, וואס עס איז מיר פונקט דעמאלטס איינגעפאלן. איך האב מסביר געווען מיין צד, איך האב זיך אנטשולדיגט פארן נישט האנדלען ריכטיג, אבער איך האב ארויסגעברענגט אז מען דארף נעמען אין באטראכט אז די רענטל פירמע האט געהאנדלט זייער אוממענטשליך און מיר פשוט פארנארט.

דערנאך האבן די לויערס פון די פירמע צוריק באקומען דאס ווארט. זיי האבן געהאלטן הערליכע דרשות קעגן מיר, פיל מיט שקרים. אויב עס וואלט נישט געווען אנגעצויגן וואלט עס געווען לאכעדיג צו הערן ווי ׳קריעטיוו׳ זיי זענען און וויפיל פאנטאזיעס זיי קענען אויסטראכטן...

זיי האבן געטענה'ט אז איך בין א ליגנער ווייל איך האב געזאגט אויף א אויפגעוויזענער פאקט אז עס איז נישט געשען. די מינוט וואס איינער ווערט געכאפט ביי א ליגנט אין געריכט, פארלירט ער דעם גאנצן צוטרוי, און לכאורה איז די זאך שוין פארלירן. אלעס וואס איז זיי פארגעבליבן איז געווען צו אויפווייזן אז איך בין א ליגנער.

זיי האבן זיך היציג געטענה'ט צי דאס הייסט א ליגנט אדער נישט, און איך האב נישט געהאט וואס צו ענטפערן.

פלוצלינג איז געווארן שטיל; יעדער האט שוין געזאגט וואס ער האט געהאט צו זאגן. דער שופט רופט זיך אן: "איך האב אויסגעהערט אלע צדדים. איך זע אז דער נתבע האט תשובה געטאן, און ער זאגט דעם אמת."

דאס איז געווען א טאטאלע איבערראשונג! ביז יעצט איז דער שופט בכלל נישט געווען אויף מיין זייט, און וואס פלוצלינג רעדט ער פון תשובה?!...

ווען איך האב געהערט די ווערטער, האב איך אנגעהויבן וויינען. איך האב געפילט אז דער באשעפער איז מיט מיר, און מיין קבלה נישט צו רעדן ביים דאווענען שטייט מיר בײ. פונקט ווי איך בין שטיל ביים דאווענען, אזוי פירט דער באשעפער די זאכן אז איך זאל שווייגן, און די ישועה וועט קומען פון זיך אליין.

ביים סוף פון די זיצונג האט דער שופט געהייסן אונטערשרייבן א "פשרה", וואו יעדער לאזט נאך פארן צווייטן. עס איז דא א חסרון אין אזא פסק, ווייל ביי א פשרה דארף דער שופט נישט מסביר זיין זיין באשלוס, און דערפאר קען מען עס נישט אפעלירן.

טראץ דעם האב איך אונטערגעשריבן די פשרה, נישט צוליב א געוויסער חשבון, נאר פשוט ווייל איך האב נישט געהאט קיין אנדערע עצה. דער שופט האט געמאלדן אז דער ענדגילטיגער פסק וועט אנקומען אין עטליכע חדשים ארום.

עס איז דורכגעגאנגען בלויז איין חודש, און דער לויער רופט מיר אן מיט צוויי ניעסן, איינס גוט און איינס שלעכט. די גוטע - איך בין ארויס זכאי. די שלעכטע - די רעגנט פירמע האט אריינגעגעבן אן אפעלאט קעגן דעם פסק אין געריכט.

עס האט אויסגעזען דראענד, אבער איך האב געוויסט אז דער באשעפער איז מיט מיר.

מען האט באשטימט א נייע זיצונג, און איך בין נאכאמאל געקומען מיט מיין אלטן לויער. די לויערס פון די פירמע האבן נאכאמאל אנגעהויבן מיט זייערע ליגענטס, אבער דאס מאל האט דער שופט איבערגעקוקט דעם פסק פון פריער און אנגעהויבן שרייען: "איר האט דאך אונטערגעשריבן א פשרה! נאך אזא פסק טאר מען נישט אפעלירן! דאס איז א בזיון פארן געריכט!"

און אזוי האט ער זיי געהייסן באצאלן אלע מיינע לעגאלע אויסגאבן און געפסק'נט אז זיי מוזן מיר צוריקצאלן אלע געלטער וואס איך האב שוין אויסגעגעבן. יעצט בין איך נישט נאר ארויס זכאי, נאר מען האט אויך באצאלט די פינף און זיבעציג טויזנט שקלים און די אנדערע הוצאות.

עס איז נישט געווען מיין שכל, און אויך נישט מיין לויער'ס - וואס האט אפילו פארגעסן א וויכטיגע דאקומענט... עס איז געווען בלויז דער באשעפער אליין. איך האב זיך נאר אויף אים פארלאזט, און ער האט מיר געוויזן ווי גוט עס איז זיך צו פארלאזן אויף אים.

---

**האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?**

**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**

**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

---

## בסוד ישרים ועדה

**בריוון צו די מערכת**

**צום חשוב'ן גליון "השגחה פרטית", שלום וברכה.**

ערשטנס - א גרויסן "יישר כח". איך הער יעדן טאג אויס דעם "ביטחון יומי" שיעור, און עס גיבט מיר מורא'דיגע חיזוק.

איך האב ברוך השם די זכיה צו לערנען אין כולל שוין צען יאר. לעצטנס האב איך אנגעהויבן פילן דעם שווערן יקרות פון די טעגליכע הוצאות - עסן, מארגעדזש, רענט - די אויסגאבן זענען פשוט געווען פיל מער ווי די הכנסות. איך האב מיר אויסגערעדט פאר מיין חברותא איבער דעם שווערן, און ער האט מיר דערציילט אז ס'האט זיך געעפנט א נייע כולל וואס צאלט טאפל וויפיל מיר באקומען יעצט. מיר האבן ביידע באשלאסן זיך פרובירן איינצושרייבן דארט.

איך האב מיר פארגענומען אז אויב מען נעמט מיר, וועל איך פראווען א "הושע בן בארי" סעודת הודאה אין א דינסטאג. למעשה האט עס אויסגעזען ווי ס'איז נישט נוגע, ווייל מיר זענען נישט אנגענומען געווארן.

איין טאג זאגט מיר מיין חברותא: "לאמיר זיך אביסל שטארקן אין אמונה ובטחון. לאמיר ביידע אנהויבן אויסהערן דעם 'קו השגחה פרטית' - די טעגליכע חיזוק שיעורים. מיר וועלן זיך אונטערנעמען דאס צו הערן פאר פערציג טעג נאכאנאנד. דאס וועט אונז זיכער העלפן."

איך האב געבעטן אז פרייטאג און שבת זאלן נישט אריינגיין אינעם חשבון, ווייל דאס זענען ביי מיר גאר פארנומענע טעג. מיין חברותא האט מסכים געווען, אבער ער האט אויסגערעכנט אז אן דעם וועט די פערציג טעג דויערן בערך צוויי חדשים. ווען מיר האבן געקוקט אינעם לוח, האבן מיר געזען אז דער טאג פון ענדיגן די קבלה וועט אויספאלן פונקט דינסטאג בשלח.

איך האב געזען דא א א געוואלדיגע השגחה פרטית, סיי מיט דעם וואס מיר האבן זיך אונטערגענומען די קבלה און סיי מיט'ן דאטום פונעם סיום, וואס איז באקאנט אלס א גאר מסוגל'דיגע צייט פאר פרנסה. יעדן טאג האבן מיר זיך דערמאנט איינער דעם צווייטן, און מיר האבן נישט פארפעלט קיין איין טאג פון אויסהערן דעם קו דעם לעצטן דאנערשטאג פון אונזער קבלה, האבן מיר באקומען די בשורה אז מיר זענען אנגענומען געווארן אינעם נייעם כולל! פלוצלינג האב איך זיך דערמאנט אז איך האב דאך זיך פארגענומען צו מאכן א סעודה אום א דינסטאג - און אט פאלט עס אויס פונקט אום דינסטאג פרשת בשלח!

**שמואל שטערן, בני ברק**

## צְווִישְׁן צְוֵויי וֶועלְטְן

**יִשְׂרָאֵל קַארְלִיבַּאךְ דֶערְצֵיילְט:**



אֵיין טָאג וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הֶעלְפְן מַיין מַאמֶע אוּן דֶערְפְרֵייעֶן מַיינֶע צְוֵויי קְלֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס, הָאבּ אִיךְ זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען עֶפֶּעס קוֹיפְן.

דִי קְלֵיינֶע אִיז גֶעזֶעצְן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין קֶערִידְזְשׁ אוּן דִי צְוֵוייטֶע, דִי גְרֶעסֶערֶע, אִיז גֶעגַאנְגֶען נֶעבְּן מִיר.

מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמַאק פַארְבְּרֶענְגְט אוּן זִיךְ אַרוּמְגֶעשְׁפִּילְט מִיט וֶוערְטֶער.

פְּלוּצְלוּנְג, אִיךְ וֵייס נִישְׁט פַארְוָואס, הָאט מַיין צְוֵויי יֶערִיגֶע בַּאשְׁטִימְט אַרָאפְּצוּגֵיין אוֹיפְן שָׁאסֵיי. דִי עֶרְשְׁטֶע סֶעקוּנְדֶע הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וואוּ זִי גֵייט, פַארְוָואס זִי לָאזְט אָפּ דִי קֶערִידְזְשׁ, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען צוּ וואוּ זִי אַנְטְלוֹיפְט אִיז גֶעוֶוען...

אַ סֶעקוּנְדֶע פַאר אַ בָּאס אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָארְן!

דִי סֶעקוּנְדֶע אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְטֶערְלִישׁ שְׁרֶעקֶעדִיג אוּן הִיסְטֶערִישׁ. לוֹיפְן? אָבֶּער אַ בָּאס קוּמְט! נִישְׁט לוֹיפְן כַאפְּן? אָבֶּער זִי אִיז מַיין שְׁוֶועסְטֶער. אוּן זִי אִיז אִין אַ גְרוֹיס גֶעפַאר!

אִין דִי סֶעקוּנְדֶע הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועלְכֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקַייט, צוּגֶעשִׁיקְט מַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע זַייט שָׁאסֵיי, זִי הָאט גֶעזֶען אוּנְזֶער קְלֵיין שְׁוֶועסְטֶערְ'ל לוֹיפְן, אוּן זַייעֶנְדִיג אוֹיפְן צְוֵוייטְן זַייט אִיז זִי גֶעוֶוען גֶענוּג נָאנְט אִיר צוּ קֶענֶען אָנְכַאפְּן דִי הַאנְט אוּן אַרוֹיפְשְׁלֶעפְּן אוֹיפְן טְרֶעפְּל אֵיידֶער דֶער בָּאס פְלִיעֶט אַרִיבֶּער.

וֶוען דִי שָׁאסֵיי אִיז גֶעוֶוען לֵיידִיג בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער צוּ אִיר זַייט אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן מִיר בַּאוואוּנְדֶערְט דִי הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית וָואס הָאט אִיר צוּגֶעפִירְט פּוּנְקְט אִין דִי פַּאסִיגֶע מִינוּט צוּ שְׁטֵיין פוּן צְוֵוייטְן זַייט שָׁאסֵיי אוּן אַזוֹי אַרוּם פַארְמַיידְן דֶעם אוּמְגְלִיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן חַס וְשָׁלוֹם.

## אַ סֶעקוּנְדֶע צוּם גַארְבִּיטְשׁ

**חַיִּים אוֹרֶן פוּן מוֹדִיעִין עִילִית דֶערְצֵיילְט:**

מַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז אַמָאל אַרוֹיס אִין גַאס אוּן אוֹיפְן וֶועג הָאט אִיר זִיךְ פַארְלוֹירְן עֶפֶּעס וִויכְטִיג.

זִי אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר פַארְלוֹירְן... אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק רַחֲמָנוּת בַּאקוּמֶען אוֹיף אִיר אוּן דֶערִיבֶּער זִיךְ אָנְגֶעטְרָאגְן אִיר צוּ הֶעלְפְן זוּכְן דָאס וָואס זִי הָאט פַארְלוֹירְן.

אִינְאֵיינֶעם זֶענֶען מִיר אַרוֹיס אוֹיפְזוּכְן דִי אַרְטִיקְל.

"אִיךְ מֵיין אַז עֶס דַארְף זַיין אוֹיף דִי גַאס," הָאט זִי גֶעוִויזְן אוֹיף דִי גַאס וואוּ זִי אִיז פְרִיעֶר אַרִיבֶּער. אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפַּרֵייזְט מִיט גְרוֹיסֶע טְרִיט אַהִין. אָנְקוּמֶענְדִיג צוּ דִי גַאס וָואס זִי הָאט גֶעקְלֶערְט אַז דָארְט הָאט זִיךְ אִיר עֶס פַארְלוֹירְן, טְרֶעפְן מִיר זִיךְ אָן מִיטְן מִיסְט קֶערֶער. אוּן עֶר... זֶעעֶנְדִיג וִוי אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן צוּ דִי



פְלָאר, שְׁטֶעקְט אוּנְז אוֹיס דָאס פַארְלוֹירֶענֶע אַרְטִיקְל. "דָאס זוּכְט אִיר?" פְרֶעגְט עֶר אוּנְז.

וֶוען מִיר קוּמֶען נִישְׁט אִין דִי מִינוּט וָואלְט עֶס גֶעלַאנְדֶעט אִין מִיסְט קַאסְטְן. דֶען דֶער מִיסְט קֶערֶער קֶען נִישְׁט אוּן וִויל נִישְׁט הִיטְן אַלֶעס וָואס עֶר טְרֶעפְט אִין גַאס...

דֶער גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז צוּגֶעשִׁיקְט אִין דִי פַּאסִיגֶע מִינוּט עֶס צוּ זוּכְן אוּן טְרֶעפְן.

## אָדֶער אַ שְׁמָאטְשִׁיק. אָדֶער... חַס וְשָׁלוֹם

**דֶער בָּחוּר הֶחָשׁוּב עַמְרָם רָאטְמַאן פוּן בֵּיתָר עִילִית דֶערְצֵיילְט:**

עֶס זֶענֶען דָא מִינוּטְן וָואס לָאזְן אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע אַיינְדְרוּק, אוּן אַמָאל קֶען דַוְקָא דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מִינוּטְן אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען אַ גוּטֶע גֶעפִיל. אַ גֶעפִיל פוּן אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

דָאס הָאט פַּאסִירְט אִין אַ פַארְנַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן מַיין מָאלְצַייט אִין מַיין צִימֶער, אוּן וֶועלְנְדִיג בֶּענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן מַיין פְּרִיוַואטֶע צִימֶער בְּרֶענְגֶען מַיין הוּט וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אִין קָאךְ.

אִין קָאךְ טְרֶעף אִיךְ מַיין קְלֵיין שְׁוֶועסְטֶערְל, קוּם אֵיין יָאר אַלְט, אוּן בַּאמֶערְק אַז עֶפֶּעס עֶסְט זִי פְלַייסִיג. אוֹי וֵויי, דָאס אִיז פַארְדֶעכְטִיגְט. זִי אוּנְטֶערְשֵׁיידְט נָאכְנִישְׁט צְווִישְׁן עֶסְן אוּן שְׁמוּץ.

"גֶעבּ מִיר וָואס דוּ הָאסְט אִין מוֹיל," הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אִיר. זִי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּמְפַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ... אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט מַיין הַאנְט אִין אִיר מוֹיל, זִי הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער מִיר אוּן פַארְמַאכְט שְׁטַארְק דִי גוּמֶען. וָואס טוּט מֶען?

מַיינֶע הֶענְט הָאבְּן שׁוֹין אַבִּיסְל גֶעטְרֵייסְלְט. זִי זָאל נָאר נִישְׁט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען וָואס זִי הָאט אִין מוֹיל! אִיךְ קוּק זִיךְ אַרוּם פַארְלוֹירְן אוּן אָט בַּאמֶערְק אִיךְ אִיר שְׁמָאטְשִׁיק. אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיסְגֶעשְׁטֶעקְט צוּ אִיר רִיכְטוּנְג, זִי הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ דֶעם אוּן גֶערְן אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן וָואס זִי הָאט גֶעהַאט אִין מוֹיל, וֶועלְנְדִיג מַאכְן פְּלַאץ אִין מוֹיל פַאר אִיר אַזוֹי בַּאלִיבְּטֶע שְׁמָאטְשִׁיק.



וָואס זִי הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן הָאט מִיר אִיבֶּערַאשְׁט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע גֶעגְנְשְׁטַאנְד וָואס דֶער גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר צוּגֶעשִׁיקְט דִי לֶעצְטֶע מִינוּט צוּ טְרֶעפְן אוּן מִיט דִי שְׁמָאטְשִׁיק אַרוֹיסְצוּבַּאקוּמֶען.

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרַיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.
אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות וויכל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!
גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת קֶען מֶען הֶערְן,
**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַארְ קִינְדֶער:**
**1-518-613-0140 דְרִיקְט 0/2**



# אַ שָׁלִיחַ פוּן הִימְל

**פרק 4 פון 4**

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:**

**קֶעגְן דִי אוֹיגְן פוּן דֶעם טְרֶעיְלֶער שָׁאפֶער - אַ גְרוֹיסֶער טְרָאק קְרַאכְט אַרַיין אִין דִי קַאר פוּן פַאמִילְיֶע גַמְבָּש, וָואס פַּארְקְט אִין זַייט פוּן דִי הַייְוֶעי.**



# זיכה וזכה

## א שמועס מיט די גליקליכע משפיעים

**אין וועלכע שטאט פארשפרייט איר עס?**

אין בארא פארק. אבער יעצט אין די זומער, איינגטליך יעצט רעדנדיג, גיי איך עס פארשפרייטן אין די מאונטענס.

**וואס האט אייך געברענגט עס צו ווילן פארשפרייטן?**

איך האב געזען די גליון, און איך בין געווארן מורא'דיג נתפעל געווארן.

**און וואס איר צוריקגעהערט פון מענטשן?**

ווען מ'האט געזען די גליון, האט מען געזאגט אז ס'איז א הערליכע גליון. ס'האט פאר די קינדער, און די אלע מיני חלקים, ווי יעדער זאל קענען הנאה האבן און זיך מחזק זיין.

**איז דא עפעס א טויש אין דיין לעבן וואס דו קענסט אנווייזן אז עס איז געשען דורך די גליון?**

איך בין געווען אין ארץ ישראל דעם ווינטער, און ס'איז געווען אנגעצויגן גלייך פאר די מלחמה, און ס'איז געווען מורא'דיגע אנגעשטאפטע פלייטס מיט מענטשן וואס זענען געווען אויפ'ן וועג ארויס.

בקיצור, איך בין ארויסגעפארן בערך דריי שעה, פאר די פלייט, איך האב געטראכט אז דריי שעה איז גענוג צייט צו אנקומען פון ירושלים. איך בין למעשה שטעקן געבליבן אין טרעפיק קודם אין ירושלים אליין, און ביז איך בין ארויסגעפארן האט גענומען אזא גוטע פערציג מינוט. איך האב געהאלטן צוויי שעה און צוואנציג מינוט פאר די פלייט. איך בין אנגעקומען נישט צופיל מער ווי א שעה און א האלב, א שעה פופציג מינוט, צו די עירפארט, און ס'איז געווען צוויי ריזיגע שורות, איינס פאר טשעק-אין, און איינס פאר די פאפירן.

איך האב געפרעגט א גוי אין די זייט פון מיר צו וואו ער פארט און ווען ער פארט, האפנדיג אז איך טרעף דא נאך איינעם פון מיין פלייט, אפשר וועל איך עס נאך מאכן. ער זאגט מיר אז זיין פלייט איז דריי, און מיינס איז געווען איינס דרייסיג. ער איז שוין דא, און ער איז אפילו פאר מיר. איך בין געווארן זייער אנגעצויגן.

איך האב געטראכט, ״ וואס וועט זיין וועט זיין.״ איך האב געטראכט, ״אויב ס'וועט גיין ווי ס'דארף צו גיין נארמאלערהייט, וועל איך נאך האבן א ריזיגע שורה סיי פאר טשעק-אין, וואו זיי פרעגן אלע שאלות, און נאכדעם דארף מען גיין נאך א גאנצע שורה פאר די גרעניצן. אבער,״ האב איך געטראכט זייענדיג געשטארקט פון די נאכאנאנדע איינשפריצן פון אמונה ובטחון, ״עס איז דא א באשעפער וואס פירט אלעס, און אויב ער וויל, וועל איך עס מאכן!״

איך האב אויסגעוואוראט די גאנצע שורה, און ס'איז שוין ממש געווען ווייניגער ווי א שעה צו די פלייט, און איך האב שוין געהאט געדארפט זיין ביי די געיט... ס'איז ממש נישט געווען בדרך הטבע אז איך זאל עס מאכן.

די רגע איך האב אדורכגעגאנגען די סעקיוריטי און איך האב יעצט אנגעהויבן גיין צו די שורה צו די באורדינג, קומט צו איינער פון די ארבעטער דארט און עפנט אויף אין פראנט פון מיר די שטריק, אזוי אז פון מיר און ווייטער וועט יעדער קומען אויף א צווייטע פלאץ אריינגיין צו די באורדינג. איך בין געווארן פון די לעצטע אין די שורה צו די ערשטע אין די שורה!

און די גוי וואס איז מיר נאכגעקומען, ער איז געווען אין בעק פון מיר, ער געבט זיך א רוף אן, ”Somebody is looking after you,“ אזויווי ״איינער קוקט דיך נאך, איינער מאכט זיכער, ער נעמט קעיר פון דיר.״ האב איך אים געזאגט, ״יא, דו ווייסט גוט, דער באשעפער האט מיר אינזין!״

זאגט דער גוי: ״ס'איז שיין צו הערן.״ ס'האט געמאכט א געוואלדיגער קידוש השם.

**עפעס א מעסעדזש וואס דו קענסט איבערגעבן פאר אזעלכע וואס קלערן צו זיי זאלן עס אויך פארשפרייטן?**

ס'ממש א גרויסע זכות צו מעורר זיין מענטשן צו טראכטן די גאנצע צייט אז ס'איז נישטא קיין שלעכטע זאכן, אז דער באשעפער פירט אלעס, און ס'ברענגט א גאנצע שינוי לטובה אין די גאנצע טאג, די גאנצע לעבן.

**אויב האט איר סיי וועלכע הערות**

לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com


לא איר קענט ווערן א משפיע!

מיט אייער השתתפות פון $36 א חודש פאר'ן גליון
**”השגחה פרטית“**
וואס פארשפרייט אמונה אויף אלע עקן וועלט.

↓

דער ”משפיע“ באקומט צו זיך אינדערהיים 10 השגחה-פרטית גליונות צו קענען פארשפרייטן אמונה צווישן אידן!

א באזונדערע שליח וועט בעז״ה ארויפגיין צום ציון פון
**בעל ”חובות הלבבות“**
אין צפת, און מתפלל זיין פאר אייך.

רבי שלומק'ה זוועהילער האט געזאגט: ”אז מען טוט אין השגחה פרטית זעט מען השגחה פרטית“

**רופט יעצט און הייבט אן משפיע זיין אמונה און בטחון פאר אידישע קינדער!**

**רופט: 585-308-3293**

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר

דאס האט נישט חשש שמות לגניזה מען דארף נזהר זיין בקדושת הגליון עס נישט צוקומען צו קיין בזיון אזוי ווי מען איז זיך נוהג מיט תשמישי קדושה